# משיחת ש״פ תבוא, ח״י אלול, תש״ל

בס"ד. שיחת ש"פ תבוא, ח"י אלול ה'תש"ל. __הנחה הת' בלתי מוגה__

א. נועגן ח"י אלול איז דאך ידוע דער ווארט (ווי עס איז שוין אפגעדרוקט (בסה"ש תש"ה ע' 122)), וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורינו האט איבערגעזאגט בשם חסדים,

[אע"פ אז ער האט דאס איבערגעזאגט בשם חסידים, וויבאלד אבער א נשיא בישראל האט דאס איבערגעזאגט, ווערט דאס זיינער א ווארט וואס א ווארט פון חסידים איז אויך אן ענין נעלה ביותר ווארום אפי' א ווארט פון כמה עשירית מישראל (וואס יעדער איד איז דאך אן עולם מלא, (ראה סנהדרין לז,א)) איז אן ענין נעלה, וכ"ש בשעת ס'איז פון אזעלכע אידן וואס מ'איז מעיד אויף זיי אז זיי זיינען חסידים, וואס דאס איז דאך א מדריגה גבוה אין בנ"י עצמן - פונדעסטוועגן וויבאלד אז א נשיא בישראל האט דאס איבערגעזאגט, איז דאס געווארן א תורה פון דעם נשיא, און א הוראה פון דעם נשיא, לכל אחד ואחד; ובפרט אז ער האט דאס געהייסן מפרסם זיין, און מ'האט דאס אפגעדרוקט, וכידוע דער ווארט פון דעם צ"צ אז א דבר שבדפוס איז אן ענין לדורות - איז דאס ניט סתם א הוראה נאר א הוראה נצחית].

אז ח"י אלול גיט א חיות אין אלול, און ח"י אלול גיט א חיות אין "אני לדודי ודודי לי".

וואס דערפון וואס ער טיילט זיי פאנאנדער אין צוויי זאכן, (ניט ווי ער האט געקענט כולל זיין ביידע זאכן צוזאמען און זאגן אז ח"י אלול גיט א חיות אין אלול און אין "אני לדודי ודודי לי", נאר) אז ח"י אלול גיט א חיות אין אלול, און אז ח"י אלול גיט א חיות אין "אני לדודי ודודי לי", איז פארשטאנדיק אז זיי זיינען שני סוגים שונים;

אויב ער וואלט זיי געזאגט צוזאמען וואלט ניט געווען קיין הכרח אז זיי זיינען שני סוגי ענינים;* א) חיות (לעבעדיקייט) אין אלול, און ב) חיות (לעבעדיקייט) אין "אני לדודי ודודי לי".

איז ניט מובן:

א) וואס זיינען אט די צוויי ענינים? ב) ער זאגט דאך דא אז ח"י אלול גיט א חיות אין "אני לדודי ודודי לי", וואס דאס איז ר"ת אלול - ולכאורה, אין אלול זיינען דאך פאראן כמה ר"ת, איז פארוואס זאגט ער דעם ר"ת "אני לדודי ודודי לי" דוקא? דער ענין אז ח"י אלול גיט א חיות אין אלול, איז פארשטאנדיק ווי עס ליגט אין די ווערטער "ח"י אלול", ווארום דאס איז דער פשוט'ער אפטייטש פון די ווערטער "ח"י אלול", א חיות אין אלול; דער ענין אבער אז ח"י אלול גיט א חיות אין "אני לדודי ודודי לי", ליגט דאך ניט אין די ווערטער, נאר דאס איז מצד דעם וואס אלול איז א ר"ת אני לדודי ודודי לי, (כמבואר בספרים וועלכע זיינען נתקבל געווארן בכל תפוצות ישראל) - אבער לכאורה זיינען דאך אין אלול פאראן נאך כמה ר"ת וועלכע ברייגנען זיך אין ספרים (וואס דאס איז דאך א ראי' אז דאס איז שייכות לכל אחד מישראל),

- וכמבואר לעיל (בש"פ ראה) בארוכה, און עס איז אויך געדרוקט, אז אלול איז א ר"ת פון אלע דריי קוין שבעבודת האדם, און אויך פון די הקדמה לענין העבודה, עבודת התשובה, און אויך דער תכלית השלימות -וועלכע-

* מ'וואלט טאקע געוואוסט אז זיי זיינען שני ענינים, אבער ניט אז זיי זיינען שני סוגי ענינים, אבער פון דעם וואס ער טיילט זיי פארנאנדער און ער זאגט אז ח"י אלול גיט א חיות אין אלול און אז ח"י אלול גיט א חיות אין "אני לדודי ודודי לי", איז א הכרח אז זיי זיינען שני סוגי ענינים:

וועלכע טוט זיך אויף ע"י עבודה, דער ענין הגאולה, (ווי ס'איז מרומז אין דעם ר"ת פון אלול די ווערטער "אשירה לה'-ויאמרו לאמר", וואס דאס ווייזט אויף דער גאולה.

איז פארוואס זאגט מען אז ח"י אלול גיט א חיות אין "אני לדודי ודודי לי" דוקא?

ג) ווי אזוי קען מען זאגן אז א חיות אין אלול און א חיות אין אני לדודי ודודי לי זיינען צוויי ענינים, דלכאורה - אלול איז דאך דער זמן פון א חשבון הנפש על כל השנה שעברה, און דאס איז אויך די הכנה וקבלה טובה לשנה הבאה, וואס דאס איז פארבונדן מיט דעם כללות הענין פון תורה ומצות וואס ענינה איז אויפטאן די דירה בתחתונים, און שלימות העבודה דארף דאך זיין מתוך אהבה דוקא, איז דאן אין דעם ענין פון אלול שוין פאראן דער ענין פון "אני לדודי ודודי לי", ווארום דער חידוש פון די עבודה בבחי' "אני <u>לדודי</u> <u>ודודי</u> לי" איז דאך ענין האהבה, און דאס איז דאך שוין כלול אין דעם כללות הענין פון אלול, איז ווי זאגט מען אז ח"י אלול טוט אויף צוויי ענינים עס גיט א חיות אין אלול, און עס גיט א חיות אין "אני לדודי ודודי לי", אין אלול איז דאך שוין נכלל אויך דער ענין פון "אני לדודי ודודי לי"?

והביאור בזה:

דער זעלבער וואס האט מפרסם געווען אז ח"י אלול גיט א חיות אין אלול און אז ח"י אלול גיט א חיות אין אני לדודי ודודי לי, האט אויך מפרסם געווען און האט מכריז און מודיע געווען אז ח"י אלול איז דער יום הולדת פון די "שני המאורות הגדולים", פון דעם בעש"ט און פון דעם אלטן רבי'ן.

ומובן, אז וויבאלד כל הענינים שבעולם זיינען ניט בדרך "מקרה נקרה", אז דאס וואס עס טרעפן זיך צוזאמען צוויי זאכן, איז דאס ניט אז עס האט זיך סתם אזוי געטראפן, נאר דאס איז דערפאר וואס די צוויי ענינים האבן צווישן זיך א שייכות; וכמבואר אויך אין נגלה, וואס די גמרא (תענית כט,א; ערכין יא,ב) זאגט אז "מגלגלין זכות ליום זכאי", אז דאס וואס עס האט זיך געטראפן א זכות אין א געוויסן טאג, איז עס ווייל דער טאג איז בעצם א יום זכאי.

ובפרט ע"פ תורת הבעש"ט אין דעם ענין פון השגחה פרטית אז יעדער פרט וואס טרעפט זיך אין וועלט איז בהשגחה פרטית, ביז ווי ער האט געזאגט אין דערויף אז אפילו אין דעם אופן ווי א בלעטעלע זאל זיך איבער קערן מצד לצד צי באופן זה אדער באופן אחר, איז אויך בהשגחה פרטית, וואס דאס איז אזוי אפילו בהנוגע לדומם, וכ"ש בנוגע למדבר, ועאכו"כ בנגע צו ישראל עם קרובו, ועאכו"כ אז בתורה איז זיכער אזוי, ובפרט אין פנימיות התורה, וואס דארט שטייען דאך אלע ענינים בגלוי, איז דאך זיכער יעדער ענין בהשגחה פרטית.

קען מען עפי"ז מבאר זיין, אז די צוויי ענינים וואס מ'זאגט אז ח"י אלול גיט א חיות אין אלול און ח"י אלול גיט א חיות אין אני לדודי ודודי לי, זיינען זיי פארבונדן מיט דעם וואס ח"י אלול איז דער יום הולדת פון די שני מאורות הגדולים, פון דעם בעש"ט און פון דעם אלטן רבי'ן; דאס וואס ח"י אלול גיט א חיות אין אלול

-איז פארבונדן-

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

איז פארבונדן מיט דעם וואס ח"י אלול איז דער יום הולדת פון דעם בעש"ט, און דאס וואס ח"י אלול גיט א חיות אין אני לדודי לדודי לי, איז דאס פארבונדן מיט דעם וואס ח"י אלול איז דער יום הולדת פון דעם אלטן רבי'ן.

וואס רער בעש"ט איז דאך געווען דער מייסד פון תורת החסידות הכללית, און דער אלטער רבי איז געווען דער מייסד פון תורת חסידות חב"ד - און אע"פ אז לכאורה איז תורת חסידות חב"ד בלויז א פרט פון תורת החסידות הכללית, און דאס איז כלול אין תורת החסידות הכללית, אעפ"כ זאגט מען אז דאס וואס דער אלטער רבי האט אויפגעטאן דעם ענין פון חסידות חב"ד איז דאס אן ענין חדש לגמרי, ביז אז מ'האט געדארפט האבן אויף דערויף א נשמה חדשה.

אע"פ אז דער אלטער רבי איז דאך געווען תלמיד תלמידו פון דעם בעש"ט, וכידוע אז דער אלטער רבי פלעגט רופן דעם בעש"ט "זיידע" כידוע ומפורסם, - אעפ"כ איז תורת חסידות חב"ד, וועלכע דער אלטער רבי האט אויפגעטאן, אן ענין חדש לגמרי.

עד"ז איז אויך אין דעם ענין פון אלול און "אני לדודי ודודי לי", אז אע"פ לכאורה איז דער ענין פון אני לדודי ודודי לי בלויז א פרט אין דעם ענין פון אלול, און דאס ווערט לכאורה נכלל אין דעם ענין פון אלול, אעפ"כ איז דאס אן ענין חדש לגמרי,. וואס דערפאר זאגט מען צוויי ענינים, אז ח"י אלול גיט א חיות אין אלול און אז ח"י אלול גיט א חיות אין אני לדודי ודודי לי, (וכדלקמן שיחה ב').

ומובן אז די ידיעה אין אט דעם ענין, איז אזוי ווי אין אלע ענינים שבתורה, אז די כוונה איז אז עס זאל ניט בלייבן בלויז אין הבנה והשגה און אין ידיעה אליין, נאר אז דערנאך זאל דאס אדאפקומען אין א בכן, אין א מעשה בפועל, וכלשון חכמינו ז"ל במשנתם (דאה אבות א.יז) "המעשה הוא העיקר". ובפרט אז נאך איידער מ'האט אנגעזאגט אט'דעם ענין האט מען שוין געגעבן כוחות אז מ'זאל דאס קענען דורכפירן, וואדוס "כשהוא מבקש אינו מבקש אלא לפי כוחן" (במד"ר כא,כ).

דארף דאס דאך אראפקומען אין א בפועל, אז ס'זאל זיין א חיות אין אלול און א חיות אין דעם ענין פון "אני לדודי ודודי לי", און באופן כזה זאל מען מאכן דעם חשבון הנפש על השנה שעברה און אויך די הכנה לשנה הבאה, וכפתגם כ"ק מו"ח אדמו"ד נשיא דודנו אז פון ח"י אלול הויבט זיך שוין אן די עבודה פון דעם קומענדיקן יאר, און עס זאל זיין אלץ מתוך שמחה וטוב לבב; סיי דער חשבון הנפש על שנה העבדה זאל זיין מתוך שמחה וטוב לבב, און אויך די הכנה און ובלה על שנה הבאה זאל אויך זיין מתוך שמחה וטוב לבב.

וע"י שמחה ווערט "שמחה פודץ גדר", אז מ'נעמט אראפ אלע גדרים און אלע ענינים המבלבלים, ומונעים ומעכבים, און מ'האט א כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה, און מ'גייט אריין אין דעם נייעם יאר אין אן אופן פון "ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה", ביז צו א "נחלה בלי מצרים" וואס דאס איז נחלת יעקב אבינו. וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט שבת ווי די גמרא זאגט אין מס' שבת (קיח,א).

און עס וועט זיין דער יעלה הפורץ לפנינו זה מ"ח וואס ער איז מבני פרץ בן יהודא בן יעקב יצחק ואברהם, יבא ויגאלנו בחסד וברחמים, ומתוך שמחה וטוב לבב, ויוליכנו קוממיות לארצנו.

-ב. עס-

הנחת הת' בלתי מוגה

ב. עס זיינען פאראן צוויי ענינים אין לימוד התורה, וואס לכאורה זיינען זיי הפכים: פון איין זייט זאגט מען אז לימוד התורה דארף זיין אין אן אופן פון "לאפשא לה" ווי עס שטייט אין זהר (ח"א יב.ב), און ווי דער אלטער רבי פסק'נט אויך אין הלכות ת"ת (פ"א ה"א; פ"ב ה"ב וראה גם אגה"ק סכ"ו), אז ס'איז ניט מספיק אז א מענטש זאל נאר איבער'חזר'ן דאס וואס ער האט געלערנט ביז איצטער, נאר עס דארף ביי עם שטענדיק צוקומען בתורה, ער דארף מחדש זיין בתורה, און ווי ס'שטייט (אבות ה.כ) "ותן חלקנו בתורתך", אז יעדער איד האט א חלק בתורה וואס ער דארף מחדש זיין.

ביז ס'איז גאר משמע אין הל' ת"ת (ראה שם פ"א ה"ד), אז דער חיוב על כל אחד ואחד לחדש בתורה, איז אין אלע פיר חלקי התורה, אין פרד"ס, ד.ה. אז ער דארף מחדש זיין סיי אין חלק הפשט, סיי אין חלק הרמז, סיי אין חלק הדרוש און סיי אין חלק הסוד - ס'איז בלויז ניט מוכרח אז דאס זאל אלץ זיין בגלגול אחד, עס קען זיין אז ער האט שוין מחדש געווען אין אנדערע חלקי התורה אין א פריערדיקן גלגול, אדער עס וועט זיין אין א שפעטערדיקן גלגול ווען נשמתו וועט אראפקומען נאכאמאל אין א גוף.

וואס דאס איז אויך די הסברה אויף דעם וואס עס זיינען פאראן אזוינע וואס מ'איז אויף זיי מעיד אז זיי זיינען געווען שייכות.. נאר צו איין חלק בתורה; אדער נאר צו פשט, אדער נאר צו רמז, אדער נאר צו דרוש, אדער נאר צו סוד, אדער זיי זיינען געווען שייכות נאר צו צוויי חלקים בתורה אדער דריי, אבער ניט צו אלע פיר חלקים, ולכאורה זיינען זיי אויך... בכלל דעם פסק דין השו"ע ( וועלכער איז שייך לכל אחד ואחד) אז מ'דארף מחדש זיין אין כל חלקי התורה? איז די הסברה בזה, אז עס איז ניט מוכרח צו זיין אלץ אין איין גלגול, נאר עס קען זיין אין א צווייטן גלגול; אבער אויף יעדער איד איז חל דער חיוב אז ער מוז מחדש זיין אין תורה, ביז אין כל ד' חלקי התורה.

פון צווייטן זייט זאגט מען אבער אז אלע ענינים וואס מ'איז מחדש זיינען נתנו למשה מסיני, (און זיינען ניט קיין נייעס); ביז בשעת די גמרא (סוכה כח.א) רעכנט אויס די מעלות פון ר"א הגדול, זאגט די גמרא אז איינע פון די גרעסטע מעלות איז וואס "לא אמרתי דבר שלא שמעתי מפי רבי מעולם" - וואס דאס ווייזט אויף היפך ענין החידוש.

ולכאורה איז ניט מובן:

עס איז דאך ח"ו לומר אז ר"א הגדול האט גארניט מחדש געווען מדילי', ווארום כנ"ל איז דאך פאראן א חיוב אויף יעדער איד אז ער דארף מחדש זיין בתורה, ועאכו"כ א תנא, ובפרט א תנא גדול ווי ר"א הגדול, וואס מ'האט אויף אים מעיד געווען אז די תורה איז ביי אים כנתינתה מסיני, וואס דארט איז דאך געווען די תורה בשלימותה, איז ווי אזוי קען מען זאגן אז ר"א הגדול האט גארניט מחדש געווען בתורה?

איז דער ביאור בזה:

דאס וואס ס'איז דא דער חיוב לחדש בתורה, איז דער פי' בזה
-אז אלץ-

הנחה הת' בלתי מוגה

אז אלץ דארף זיין מיוסד אויף די יסודות און די כללים ששמע מרבותיו, און על פי יסודות וכללים אלו דארף מען מחדש זיין נייע ענינים; אבער עס איז ניט דער פשט אז מ׳קען מאכן אייגענע כללים און מחדש זיין ענינים על יסודם; וואס דערפאר זאגט מען אז לימוד התורה איז באופן אז הכל ניתנה למשה מסיני, וואס דאס מיינט אז מ׳קען ניט מאכן קיין אייגענע כללים, נאר מ׳מוז נוצן די יסודות און כללים וואס דער אויבערשטער האט איבערגעגעבן צו משה בהר סיני, אבער דערנאך איז פאראן דער חיוב לחדש בתורה, אז מיוסד אויף די כללים איז מען מחדש נייע ענינים.

דערפאר זאגט מען אז "לא אמרתי דבר שלא שמעתי מפי רבי מעולם" ווארום אלץ איז געווען מיוסד אויף די כללים וועלכער ער האט געהערט מרבותיו, (אבער אעפ"כ זאגט מען דאס נאר אויף ר"א הגדול און ניט אויף שאר התנאים, ווייל דאס איז מער שייכות צו אים - וואס דאס איז א באזונדער ענין וועלכער איז דורש ביאור לעצמו).

דערמיט זיינען אויך מבאר ראשונים און אחרונים דאס וואס מ׳זאגט אז "כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש הכל ניתנה למשה מסיני", דלכאורה איז דאס א דבר והיפוכו: אויב דאס איז ניתנה למשה מסיני, ווי זאגט מען אויף דעם דעם לשון "לחדש"?

און אנדערע אחרונים זיינען מוסיף צו דער קשיא, אז ווי איז שייכות אז במשך פון ארבעים יום וארבעים לילה וועלכע משה רבינו איז געווען בהר, האט ער געלערנט כל התורה כולה, גאנץ תורה שבכתב און גאנץ תורה שבע"פ מיט אלע ענינים וואס מ׳וועט מחדש זיין עד סוף כל הדורות? דאס איז דאך א ריבוי מופלג, וואס מ׳קען ניט לערנען אין א משך פון פערציק טעג?

די שאלה ווערט נאך שטארקער: ס׳איז דאך ידוע דער פתגם אז "נאך אמאל מ"ח וועט ניט זיין", איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז בשעת מ"ח האט דער אויבערשטער געלערנט מיט משה רבינו אויך תורתו של משיח וועלכע וועט נתגלה ווערן לע"ל ע"י משיח, וואס דאס איז דאך א ריבוי מופלג, איז ווי איז שייך צו זאגן אז דאס אלץ האט משה רבינו געלערנט אין ארבעים יום וארבעים לילה?

מ׳קען ניט פארענטפערן אז ס׳איז ע"ד ווי ס׳איז ידוע בנוגע דעם אריז"ל אז ער האט געזעצן במשך פון ב׳ וג׳ [הקצה] וואס ער וואלט געדארפט רעדן ס׳ או פ׳ שנה, וואס מ׳איז מבאר אז דער אריז"ל האט עס געלערנט באופן של ראי׳, און מצד ראי׳ קען מען זען אין א קורצע ווילע דאס וואס נעמט א לאנגע צייט צו רעדן - קען מען דאך אזוי אויך זאגן בנדו"ד,

- אבער בנוגע משה רבינו קען מען אזוי ניט פארענטפערן, ווארום במשך פון די ארבעים יום האט ער דאך געלערנט אויך תורתו של האריז"ל, און אויך תורתו של משיח, וואס משיח ילמד תורה את כל העם, און דער אופן הלימוד פון משיח׳ן וועט דאך זיין אין אן אופן פון ראי׳ - איז ווי באלט אז משיח וועט לערנען מיט אידן א ריבוי מופלג בתורה, און א - ריבוי מופלג -

הנחת הת׳ בלתי מוגה

ריבוי מופלג שנים, און אלץ בבחי׳ ראי׳, איז דאך פארשטאנדיק אז משה רבינו האט דאס אלץ ניט געקענט לערנען בלויז במשך ארבעים יום וארבעים לילה; איז ניט מובן ווי אזוי האט ער דאס געקענט אויפנעמען?

איז דער ביאור אין דעם כנ"ל: משה רבינו האט געלערנט בלויז די כללים שבתורה, אבער ניט די אלע פרטים וועלכע קומען ארויס פון אט די כללים ; אין דעם כלל זיינען טאקע כלול בהעלם אלע פרטים, אבער בגלוי האט מען בלויז דעם כלל. עד"ז בנוגע משה רבינו, אז ער האט בעלערנט בגלוי בלויז די כללים, און ניט די פרטים, דערפאר האט ער אלץ געקענט אויפנעמען אין א משך פון ארבעים יום.

עפ"ז איז מובן ווי מ׳זאגט דעם לשון " כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש", ווייל משה רבינו האט געלערנט בלויז די כללים, און די פרטים זיינען דארט כלול נאר בהעלם, במילא בשעת דער תלמיד ותיק איז מחדש א געוויסן פרט, הייסט דאס "לחדש".

עס איז ניט קיין סתירה צו דעם וואס ס׳שטייט אז "כללותי׳ ופרטותי׳ מסיני", אדער ווי דער לשון "כללותי׳ ודקדוקי׳ מסיני", ווי רש"י ברייינגט דאס אראפ (ר"פ בהר), און ווי עס שטייט אין ספרא, ווארום עס קען זיין אן ענין וואס זאל הייסן א פרט לגבי דעם כלל שקדם לה, דאס קען אבער זיין א כלל לגבי די פרטים וועלכער קומען ארויס לאחרי זה, און ווי די גמרא (שבת סח,א) איז מחלק צווישן א כלל גדול און א כלל סתם.

דערפון איז דאך פארשטאנדיק, אז בשעת מ׳וויל מבאר זיין דעם חילוק פון דעם בעש"ט מיט׳ן אלטן רבי׳ן, דארף מען דאס מבאר זיין על יסוד וואס מ׳האט געהערט פון רבותינו נשיאנו בזה:

כ"ק מו"ח אדמו"ר האט אמאל געזאגט בנוגע דעם חילוק צווישן דעם בעש"ט מיט׳ן אלטן רבי׳ן, [און ווי עס ווייזט אויס איז מען ניט משים לב לזה, דאס איז אבער א כלל יסודי ועקרי אין דעם חילוק פון דעם בעש"ט מיט׳ן אלטן רבי׳ן], אז דער בעש"ט האט געזאגט אז עס דארף זיין אזוי און אזוי, און דער אלטער רבי האט באוויזן ווי אזוי עס קען זיין אזוי, וואס דאס איז א כלל עיקרי אין דעם חילוק פון דעם בעש"ט מיטן אלטן רבי׳ן.

ולכאורה איז דאס ניט פארשטאנדיק: ווי קען מען זאגן אז דער בעש"ט האט נאר געזאגט אז עס דארף אזוי זיין, און ער האט ניט בא באוויזן ווי אזוי עס קען אראפ קומען לפועל - מ׳קען דאך ניט זאגן אז דער בעש"ט האט נאר געזאגט דעם ענין אין הבנה והשגה און האט ניט באוויזן ווי אזוי עס קען אזוי זיין בפועל, ובפרט אז בפועל איז די תלמידים פון בעש"ט און תלמידי תלמידיו וכל אשר בשם תלמיד תלמידיו יכונה, במשך פון די צוויי דורות ביז דעם אלטן רבי׳ן האבן ניט נאר געוואוסט ווי עס דארף זיין, נאר ביי זיי איז געווען אזוי בפועל, אז ביי זיי איז ניט נאר געווען א ידיעה ולימוד בחסידות, נאר עס איז אויך געווען עבודה ע"פ חסידות; איז וואס מיינט מען אז דער בעש"ט האט בלויז געזאגט אז אזוי דארף זיין, און ערשט דער אלטער רבי האט באוויזן ווי אזוי עס קען אזוי זיין?

- איז דער -

הנחת הח׳ בלתי מוגה

איז דער פשט אין דעם, אז מצד תורת הבעש"ט איז אלץ געווען אין א אופן כללי, און ווי מ׳ זאגט דעם לשון אז דער בעש"ט האט מייסד געווען תורת חסידות הכללית, און דער אלטער רבי האט מייסד געווען תורת חסידות חב"ד. וואס אע"פ אז ביידע זייגען דאך בריבוי ובאורך ורחב ועומק, און ביידע גייען ארויין אין "יפוצו מעיינותיך חוצה", ביי דעם בעש"ט אבער איז דאס געווען אין א כללות׳דיק אופן, ובמילא זייענדיק אן ענין וועלכער איז בלויז בכללות, האט עס ניט דורכגענומען די כוחות פרטים און די עבודה פרטית.

אע"פ אז אויך דאס חסידי הבעש"ט פועל׳ט אויף ענינים פרטיים, וואס דערפאר האט דאס אויך גע׳פועל׳ט אויף. אז זייער עבודת התפלה איז געווען אנדערש, און זייער לימוד התורה איז געווען אנדערש, און אויך דער קו פון גמ"ח, מעשה המצות, איז געווען אנדערש - אעפ"כ איז ניט דער פשט אז דאס האט דורכגענומען זייערע ענינים פרטים וכחות פרטים אינגאנצן, ווארום דאס איז ניט געקומען מצד אן עבודה פרטית, נאר מצד דעם כללות׳דיקן ענין, ובמילא האט דאס ניט דורכגענומען די כוחות פרטים,.

וואס דאס איז (ע"ד?) אן עבודה בבחי׳ אמונה, וואס אמונה איז אויך א כח כללי, וכידוע וואס מ׳האט געזאגט אז "צדיק באמונתו יחי׳ - א"ת יחי׳ אלא יחַי׳", אז ער לעבט מיט דער אמונה פון א צווייטן, פון דעם צו וועמען ער איז מקושר, מיט וועמען ער ווערט פאראייניגט, און ער לעבט מיט אלע זיינע ענינים, דאס נעמט זיך אבער ניט פון זיינע כחות עצמיים (אייגענע כחות), און דאס נעמט ניט דורך זיינע ענינים פרטים און כחות פרטים אז זיי זאלן ווערן איין זאך און נתעצם ווערן מיט דעם ענין.

אבער דער אלטער רבי האט שולל געווען דעם דרך פון "וצדיק באמונתו יחַי׳", נאר ער האט געמאנט אז יעדער חסיד און יעדער איד מוז אליין טאן עבודה בכח עצמו און מייגע זיין זיך, ביז אין אן אופן אז מ׳ זאל אליין פארשטיין, שזהו ענין חב"ד, וואס דעמאלט קלייבט מען פאנאנדער דעם ענין לפרטים דוקא; ניט ווי דער ענין פון אמונה וואס בלייבט בלויז בכללות.

אע"פ אז כנ"ל האט דאס אויך גע׳פועל׳ט אויף זייער עבודה, אדער ווי דער לשון "חסידי הב"ת", וואס דאס באווייזט אז עס פועל׳ט אויף די מדות, אבער אעפ"כ איז עס בלויז בכללות, משא"כ מצד חב"ד, דער ענין פון הבנה, קלייבט מען פאנאנדער דעם ענין לפרטים, און בשעת דער ענין קומט אראפ לפרטים, נעמט דאס דורך אלע ענינים פרטים און כחות פרטים ביז זיי ווערן איין זאך און ווערן נתעצם מיט דעם ענין, און ווי ער זאגט אין תניא (פ"ה) אז א יחוד נפלא שאין למעלה הימנו איז דורך שכל והבנה דוקא.

עפ"ז איז מובן אז אע"פ חסידות חב"ד איז לכאורה בלויז א פרט אין חסידות הכללית, וכנ"ל אז דער אלטער רבי איז געווען תלמיד תלמידו פון דעם בעש"ט, ביז אז ער פלעגט אנרופן דעם בעש"ט "זיידע", ביז אז ער האט געזאגט אז ער איז זיין זיידע ברוחניות,

- ניט א -

הנחת הת׳ בלתי מוגה

ניט א זיידע בגשמיות וכו׳ - אעפ"כ זאגט מען אז דאס וואס דער אלטער רבי האט אראפגעטראגן חסידות אין חב"ד איז דאס אן ענין חדש לגמרי, וואס דערפאר דארף מען האבן אויף רערדיף א נשמה חדשה, ווארום דאס וואס דער ענין בלייבט ניט בכללות נאר דאס קומט אראפ לפרטים, און דאס נעמט דורך אלע זיינע כחות פרטים ביז אז זיי זאלן ווערן איין זאך מיט דעם ענין - דאס איז אן ענין חדש לגמרי. (וואס דערפאר זאגט מען אויף בידן "המאורות הגדולים").

עד"ז איז דאס אויך אין דעם ענין פון חודש אלול: חודש אלול איז אן ענין כללי, ווארום דאן דארף מען מאכן א חשבון הנפש על כל השנה כולה; אע"פ אז דער חשבון דארף זיין אין אלע פרטים, וכמובן אז בכללות קען מען ניט מאכן קיין חשבון, ובמילא וויבאלד עס דארף זיין דער חשבון פון שנה שעברה, דארף עס דאך זיין פון אלע פרטים וועלכע זיינען געווען בשנה שעברה, ועד"ז דאס וואס ס׳איז א הכנה לשנה הבאה דארף עס דאך זיין א הכנה צו אלע פרטים וועלכע וועלן זיין בשנה הבאה - אעפ"כ דאס וואס ער טראכט וועגן די פרטים, קומט דאס מצד אן איבער געגעבנקייט בכללות אויף צו מאכן א חשבון, און ניט מצד דערוף וואס ער הארעוועט דורך מיט זיינע כחות פרטים אין אלע דריי קוין פון תורה עבודה וגמ"ח; דערנאָך איז פאראן די עבודה אין אלול וואו עס נעמט דורך די כחות פרטים וכו׳ - וואס דאס קומט ארוים ווי פרטים פון דעם ענין כללי שבאלול.

דערפאר זאגט מען אויך אז אין דעם ווארט "אלול" זיינען פאראן כמה ר"ת, ביז אז אלע דריי קוין זיינען מרומז אין דעם ר"ת פון אלול - פונדעסטוועגן שטייט דאס דארטן בלויז ברמז אין אן אופן פון ר"ת, ד.ה. אז די ענינים שטייען דארטן בהעלם, ברוגמא ווי א כלל וואס אין עס זיינען כלול בהעלם אלע פרטים, ווארום דאס איז ענינו פון אלול בכללות, אז דאס איז אן ענין כללי פון מאכן א חשבון, און בהעלם זיינען אין דערוף כלול די אלע פרטים; און דערנאך ווי די ר"ת קומען ארוים בפרטיות, דאס איז שוין די עבודה בבחי׳ פרטים שבאלול, וואס קומען ארוים פון דעם כלל, שהו"ע אלול מצ"ע.

דערפאר זאגט מען אז דאס וואס ח"י אלול גיט א חיות אין אלול (בכללות), דאס איז פארבונדן מיטן בעש"ט, וואס ביי עם איז אויך געווען דער ענין החסידות בכללות דוקא, משא"כ דער אופטו פון דעם אלטן רבי׳ן איז געווען אז חסידות זאל אראפקומען אין חב"ד אין פרטים דוקא, וואס דעמאלט נעמט דאס דורך אלע זיינע ענינים פרטים.

דאס איז אויך פארבונדען מיט דעם וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט אמאל דערציילט, (און מ׳האט אמאל גערעט וועגן דעם, און איצטער איז דאס שוין אפגעדרוקט (בלקו"ש (תש"ל) לפ׳ תבוא)) אז ח"י אלול שנת קה"ת, דעם יאר ווען דעם אלטער רבי איז געבארן געווארן, ווען דער בעש"ט איז אלט געוואָרן ה"ז שנה, האט ער אנגעהייבן זאגן בתהילים דעם קאפיטל מ"ח, וואו עס שטייט "גדול ה׳ ומהולל מאד בעיר אלקינו": דער ענין פון אן עיר איז אז דאס איז אויפגעבויט פון כמה פרטים וועלכע שטייען באופן מסודר, ווארום ס׳איז געמאכט געווארן פון כמה בתים פרטים, און יעדער בית איז אויגעבויט פון כמה אבנים וועלכע שטייען באופן - מסודר דוקא -

מסודר דוקא, אז דער אבן דארף זיין לראש הפנה און דער אויף א צווייטן ארט, ווי עס שטייט אין ירושלמי (שבת פי"ב ה"ג) בנוגע די קרשים אין משכן, אז די קרשים וועלכע זיינען געווען בדרום האבן אלעמאל געדארפט זיין בדרום, און די וועלכע זיינען געווען בצפון האבן אלעמאל געדארפט זיין בצפון, עד"ז איז אויך בנוגע די אבנים שבבתים אז יעדער אבן האט זיך זיין ארט, און דאס איז ניט קיין גל וועלכע איז אנגעווארפן.

וואס דאס איז בדוגמת דעם אופטו פון דעם אלטן רבי'ן, אז חסידות זאל אראפקומען אין חב"ד, אין הבנה והשגה דוקא, וואס דעמאלט קלייבט מען דאס פאנאנדער לפרטים, ודוקא עי"ז נעמט דאס דורך זיינע כוחות פרטים ביז אז ער ווערט איין זאך מיט דעם ענין.

(חסר קצת) וואס דאס איז דאך דער דרך פון די שני המאורות הגדולים וואס לאורם נסע ונלך אויף צו באלייכטן דעם חשך הגלות, ביז מ'קומט צו ניט סתם אן אור נאר צו א גרויסע אור, ביז צו דעם מקור פון אור, דעם מאור, וואס דאס איז דאך דער לשון "שני המאורות הגדולים", ביז מ'קומט צו די העכסטע דרגא אין אור, וואס דאס וועט זיין בביאת משיח צדקינו בקרוב ממש.

הנחת הת' בלתי מוגה

משיחת ש״פ תבוא, ח״י אלול, תשל״ג

א. דער ענין פון ח"י אלול [וואס דאס איז (דער ענין פון) היינטיקן שבת לויטן קביעות פון שנה זו] - איז דאך ידוע דער ווארט פון דעם רבי'ן נשיא דורנו [וואס ער האט עס איבערגעזאגט פון אלטע חסידים וואס זיינען געווען אין די צייט פון דעם אלטען רבי'ן] בנוגע צו ח"י אלול - אז דאס ברענגט אריין "חי" אין אלול.

חדש אלול, בכלל, איז א חדש וואס איז מיוחד (אויסגעטיילט) פון אלע חדשי השנה, אין אן איינציקן אופן, בזה שענינו העיקרי פון דעם חדש איז - די עבודה מיוחדת פון "אני לדודי ודודי לי", עבודת התשובה, כמרומז אין די ראשי תיבות אלול, ועד"ז כמה פעמים אז אין (די ראשי תיבות פון) דעם ווארט "אלול" זיינען מרומז די אלע ג' קוין פון תורה, עבודה וגמילות חסדים, און אויף דעם זאגט מען אז דער ענין פון ח"י אלול איז - צו ארייננברענגען חי - חיות - אין דער ענין פון אלול.

והנה, המובן מפתגם זה הוא, אז דער ענין פון חדש אלול איז שוין דא פון פריער, שזהו הפירוש הפשוט בזה - ארייננברענגען חיות אין אלול, ס'איז ניט דער פירוש אז מ'דארף (ערשט) אויפמאכען דער ענין פון אלול, נאר דער ענין פון חדש אלול איז שוין פאראן, עס פעלט דאך אבער דער ענין פון חיות, ס'איז ניטא אין דעם דער ענין פון לעבעדיקייט, איז אויף דעם קומט דער טאג פון ח"י אלול און ברענגט אריין חיות אין חדש אלול.

איז דאס א פלא גדול ביותר: ווי איז שייך צו זאגן אז ס'איז פאראן דער ענין פון חדש אלול, און ס'איז פאראן אין אן אופן ווי תורה רופט אן חדש אלול, אשר מזה מובן אז אלע עניני החדש זיינען בשלימות, עס איז פאראן די עבודה פון "אני לדודי ודודי לי", ועד"ז די עבודה אין די ג' קוין וכו', און אלע ענינים שטייען במילואם ובשלימותם, ואעפ"כ זאל פעלן אין דעם דער ענין החיות, און עס דארף קומען דער טאג פון ח"י אלול און ארייננטראגן חיות אין אלול?

וואס בשעת עס קומט צו דער ענין פון חיות, איז עס ניט בלויז א הוספה בכמות, ואפילו ניט א הוספה באיכות, נאר עס ווערט א דבר חדש לגמרי, א הוספה באיכות איז דער זעלבער גדר (ווי פריער) נאר עס קומט צו א נייע איכות, משא"כ ע"י הוספת (והמשכת) ענין החיות טוט זיך אויף א דבר חדש לגמרי - אינגאנצען א נייע זאך, בדוגמא ווי דער חילוק (בפשטות) צווישן איינער וואס איז חי ומי שאינו חי - איז ניט דער פירוש בזה אז עס קומט צו אן ענין עיקרי, אן ענין כללי, וכו', נאר חי און ניט חי זיינען צוויי זאכן וועלכע האבן צווישן זיך קיין שייכות ניט לכאו', עס איז אינגאנצען אן אנדערע ענין.

איז דאך א פלא גדול ביותר (בפתגם הנ"ל): מ'זאגט אז חדש אלול איז פאראן בשלימותו, און אין אן אופן ווי תורה רופט אן חדש אלול, איז דאך א זיכערע זאך אז אידן האבן אויפגעטאן די אלע ענינים וועלכע מ'דארף אויפטאן, ווי עס דארף צו זיין, אין די אלע ענינים מיוחדים של חדש אלול - אין די עבודה פון "אני לדודי ודודי לי", און אין אלע ג' קוין פון תורה, עבודה וגמ"ח, ובפרט אז עס איז שוין דורכגעגאנגען רוב פון חדש אלול - האט מען זיכער אויפגעטאן אין אלע ענינים.

ואעפ"כ, איז שייך צו זאגן אז עס פעלט אין דעם דער ענין פון חיות, און בשעת עס קומט דער טאג פון ח"י אלול - ברענגט עס אריין חיות אין די עבודה פון אלול, וכנ"ל שע"י הוספה זו ווערט (די עבודה פון) חדש אלול א דבר חדש לגמרי, עס ווערט א לעבעדיקע זאך.

כמדובר כמה פעמים איז ניטא קיין זאך במקרה ח"ו, ובפרט אין ענינים פון תורה ומצותי', נאר יעדער ענין איז דאך בהשגח"פ איז דא נאך א ענין בנוגע צו חי

אלול וואס יעמאלט איז געווען דער יום הולדת פונעם בעש"ט און אלטען רבי'ן, וואס אויך אויף דעם איז דא דעם זעלבן שאלה, און דאס איז וואס עס איז ידוע וואס מען זאגט אז פון דער בעש"ט יעמאלט האט זיך אנגעהויבען דער גילוי המשיח, וואס דער ענין פון משיח איז דאך וואס יעמאלט וועט זיין אן אור חדש, א עולם חדש, און א סדר חדש, און ביז א תורה חדשה, ווארום היות אז אסתכל באורייתא וברא עלמא, במילא וויבאלד מען זאגט אז דער וועלט וועט ווערן א עולם חדש איז מוכרח לומר אז דאס איז מצד דערויף ווארום דער תורה וועט ווערן א תורה חדשה, דעריבער איז פון דעם נמשך דער ארץ החדשה, און דאס אלץ זאגט מען האט זיך אנגעהויבן פונעם בעש"ט און אלטען רבי'ן, וואס זיי זיינען געווען נשמות חדשות.

וואס דא שטעלט זיך דעם זעלבן שאלה, ווי קאן מען זאגן אז פון זיי האט זיך אנגעהויבן גאר א נייעם ענין, לכאו' פאר זיי איז דאך שוין געווען אן עולם, און וואס פאר אן עולם, א עולם של קדושה, און עס איז יעמאלט געווען סיי נגלה דתורה און סיי פנימיות התורה, ביז באופן של לימוד המביא לידי מעשה, און דא קומט מען און מען זאגט אז פון דער בעש"ט און אלטן רבי'ן האט זיך אנגעהויבען גאר א נייעם ענין, ובפרט אז פאר דעם איז שוין געווען מ"ת און דער ביהמ"ק הראשון ושני וכו', פונדעסטוועגען זאגט מען אז איצטער וועט זיך אויפטאן א ענין חדש לגמרי און אן ענין עיקרי, בדוגמת ווי געגרעדט פריער בנוגע צו ח"י אלול אז מען איז ממשיך א חיות, וואס דאס איז אן ענין חדש לגמרי, ניט קוקענדיק אויף דעם וואס פאר דעם איז געווען מ"ת - דער וירד ה' על הר סיני, און ביז ווי דאס איז דערנאך ארפגעקומען אין וועלט אז וישב המלך שלמה על כסא ה' און פון דארטן האט זיך אויפגעטאן די בירורי הנצוצות אז הביאו לו מס מכל העולם, ד.ה. אז ער האט אויפגעטאן זייענדיק בכסאו בכל העולם כולו, און ביז ווי דאס איז געווען כפשוטו אין וועלט, אז בימי שלמה איז געווען דער קיימא סיהרא באשלמותא, פונדעסטוועגען זאגט מען אבער אז משיח וועט אויפטאן גאר א נייעם ענין, וואס האט קיין ערך ניט צו פריער.

און ווי עס שטייט דער לשון אויף אים אז משיח וועט זיין "ירום ונשא וגבה מאד" אותיות אדם - אפי' פון אדה"ר, און ביז אפי' העכער פון משה רבינו, ווי עס איז ידוע פונעם אלטען רבי'ן וואס ער האט געזאגט דער חילוק פון משיח צו משה רבינו אז דאס איז ע"ד דער חילוק פון א דאקטאר פארן פראקטיקע און ווי ער שטייט נאך די פראקטיקע, בדיוק קאן איך ניט איבער זאגן דעם ווארט, ווארום איך האב עס ניט געהערט פונעם שווער, אבער וויבאלד דער ווארט איז ידוע און איך האב דאס איצטער געפונען אין א ביכל, מוז מען זאגן אז דער וואס האט עס מפרסם געווען האט ער געהאט אויף דעם א יסוד, ווארום אויב ניט וואלט דאס ניט מפורסם געווארן, מען וויל דאך אויף יעדער ענין ברייננגען א ראי' פון נגלה, איז דאס א מפורש'ע גמ' אין מנחות, וואס דער גמ' זאגט דארטן אז משה רבינו וועט לערנען תורה פון ר' עקיבא, וואס ר' עקיבא באווייזט אויפן ענין פון משיח ווארום עקיבא איז ע"ד הלשון עקבתא דמשיחא, במילא אז עס שטייט אז משה רבינו וועט לערנען פון משיח איז פארשטאנדיק אז ער איז העכער פון משה רבינו, און משיח האט א שייכות צום בעש"ט ווארום פונעם בעש"ט האט זיך אנגעהויבן דער גילוי המשיח, וואס פון יעמאלט האט זיך אנגעהויבן בכח ובפועל דער ענין פון משיח.

און דאס איז וואס מען זאגט אויף משיח אז ער איז ירום ונשא מכל אדם, אז ער איז העכער פון דער ענין פון אדם, ווארום אדם באווייזט אויפן ענין פון נפש דבור מעשה, אדער מחשבה דבור ומעשה, און דא זאגט מען אז ער איז ירום ונשא מכל אדם אז ער שטייט העכער פון דעם ציור האדם און שטייט בדרגא של מאד, וואס דאס איז העכער אפי' פונעם דרגא ווי אדם איז מלשון אדמה לעליון, נאר דאס איז מאד, ד.ה. אז פון יעדער דרגא וואס מען וועט נאר ריידען זאגט מען אז דאס איז מאד, אז דאס איז נאך העכער פון דעם.

איז דא שטעלט זיך דער זעלבע שאלה דאס איז א פלא גדול זאגן אז יעמאלט וועט זיך אויפטאן אזא עילוי, לכאו' וואס איז געווען פאר דעם,



הנחה פרטית בלתי מוגה

נאר צו פארשטיין דיביידע ענינים, וועט מען פארשטיין דער ענין פון ח"י אלול פון דער ענין בנוגע דער אויפטו פון משיח.

וואס דער ביאור אין דעם אויפטו פון משיח לגבי די אנדערע שית אלפי שנין, אז ביז משיח איז נאר געווען חיצוניות עתיק, און בשעת משיח וועט קומען וועט ישמאלט נתגלה ווערן פנימיות עתיק.

וואס איז דער אויפטו פון פנימיות עתיק לגבי חיצוניות עתיק, וועט מען דאס פארשטיין פון די חילוק פון חיצוניות צו פנימיות, וואס דער ענין פון פנימיות מיינט ווי דער ענין איז לעצמו, און חיצוניות מיינט ווי דער ענין איז חוצה לו.

וואס דעריבער געפינט מען בנוגע צו די חיצוניות אז דאס גייט אויף השתלשלות, משא"כ אבער פנימיות עתיק דאס גייט אויף די דרגא פון עצמות, אדער דאס איז עצמות ומהות.

וואס אין פשוט'ע אותיות איז עס, ווי מען געפינט ביי א מענטשען, עס איז דא ווי ער טוט אן ענין מצד חיצוניותו וואס דאס איז ווי ער פארנעמט זיך מיט וועלט, דערנאך איז דא ווי ער טוט א ענין לעצמו בשביל עצמו וואס דאס איז ווי ער שטייט בפנימיות.

ובעבודה איז עס, עס איז דא בשעת ער טוט די עבודה, טוט ער דאס באופן חיצוניות, וואס דאס מיינט אז ער מיט די עבודה שעובד זיינען צוויי באזונדערע ענינים, עס איז דא דער אדם העובד, און די עבודה וואס ער טוט, דערנאך אבער איז דא ווי ער טוט עבודתו מצד פנימיותו וואס דאס איז ווי ער ווערט איין זאך מיט די עבודה וואס ער טוט, וואס דאס איז דער פי' פון פנימיות אז דאס איז ווי ער איז לעצמו און ניטא קיין אנדערע מציאות, ובעבודה מיינט דאס אז ער מיט עבודה ווערט איין זאך.

און דאס איז דער ענין פון חיות, חיות איז דער ענין פון פנימיות, ווארום יעדער זאך ווי ער איז בעצם דאס איז דער חיות פון דער זאך, דערנאך איז דא די המשכות וואס ווערן נמשך פון אים דאס איז שוין די המשכה ויציאה פון זיין חיות, וואס דאס איז שוין חיצוניות, וואס דעריבער חיות דאס באווייזט אויף דער ענין פון עצם, דער עצם פון א זאך דאס איז זיין חיות, ובמילא חיות איז דער ענין פון פנימיות.

במילא קומט אויס בנוגע צו ח"י אלול, בשעת מען זאגט אז דער אויפטו פון ח"י אלול איז אז ער ברייננגט אריין א חיות צו די עבודה פון אלול, ד.ה. אז ער טוט אויף אז די אלע ענינים וואס ער האט געטאן ביז איצטער, איז פון ח"י אלול און טוט ער דאס מיט א חיות וואס דאס מיינט מיט א פנימיות אז ער ווערט איין זאך מיט די עבודה.

ד.ה. ע"ד בנוגע די עבודה פון אלול אין דעם קו פון תורה, איז ביז ח"י אלול הגם ער האט געטאן אין דעם קו פון לימוד התורה, אבער עס איז דא געווען צוויי מציאות'ן, עס איז געווען דער אדם הלומד התורה און דער תורה וואס ער לערנט, ניט דער ענין פון גאווה מיינט מען, נאר עס איז דא צוויי מציאות'ן דער אדם הלומד און דער תורה, ואפי' דאס וואס מען זאגט בשעת לימוד התורה טוט זיך אויף ישמאלט א יחוד נפלא, וואס דאס איז ניט נאר מצד העבודה נאר אזוי ווערט בפועל דורך לימוד התורה ווערט מען איין זאך מיט די תורה, וואס דעריבער זאגט מען דא דעם לשון פון יחוד און ניט התקשרות, פונדעסטוועגען איז דא אבער דריי מציאות'ן און די אלע מציאות'ן ווערן אלע צוזאמען נתאחד, ועד"ז אין די עבודה פון תשובה, הגם ער האט טאקע געטאן דער עבודה פון תשובה, אבער ער מיט תשובה זיינען געבליבן צוויי באזונדערע ענינים.



הנחה פרטית בלתי מוגה

דערנאך אבער קומט צו גיין ח"י אלול און ברייננגט ארייין א חיות אין זיין עבודה, ד.ה. אז ער טוט אויף דער ענין הפנימיות, ד.ה. אז ער ווערט איין זאך מיט די עבודה וואס ער טוט, אין עוד מלבדו, וואס דאס איז ע"ד ווי מען רעדט למע' קודם הצמצום, עס איז דא דער דרגא ווי הבדיל אור לעצמו, און דערנאך איז דא ווי ער שטייט פאר זיך אליין, עד"ז זאגט מען דער אויפטו פון ח"י אלול איז אז דאס טוט אויף אז די אלע עבודות וואס ער האט געטאן אז ער ווערט פון איצטער אן איין זאך מיט איר, תורה דיאס תשובה דיאס.

און דער ענין טוט זיך אויף אין די אלע ג' קווין פון אלול אז אין אלע פון זיי ווערט ער איין זאך מיט די עבודה.

בנוגע צום קו פון תורה זאגט מען, אז וויבאלד תורה איז דאך היא חיינו, וואס דער אופן ווי תורה באלעבט אים נאך ח"י אלול אז דאס איז ניט ע"ד ווי דער נפש איז מחי' דעם גוף, וואס יעמאלט איז דער נפש מיט די גוף צוויי באזונדערע ענינים און ע"י האדים איז עס מחבר די צוויי ענינים ווי דער אלטער רבי ברייננגט אין תניא, נאר דא זאגט מען אז ער ווערט איין זאך מיט איר, אז ער מיט תורה איז איין מציאות, וואס דאס איז דער פי' פון היא חיינו אז דאס איז איין מציאות מיט אים.

וואס דאס איז ע"ד ווי מען רעדט דער אויפטו פון חי לגבי צומח, וואס אע"פ אז צומח איז דאך אויך חי, אבער עס איז מובן אז עס איז איננו בדומה כלל דער חיות פון חי לגבי צומח, ועד"ז חי לגבי מדבר, אז דאס איז א חיות באין ערוך, און ביז אין מדבר גופא עס איז דא איינער וואס ער איז א חכם בעצם כח חכמתו איז בשעת ער קוקט אויף איינעם וואס האט ניט קיין שייכות צו שכל איז לגבי אים איז יענער מענטש בכלל קיין מציאות ניט וכאלו איננו חי, און ביז אין חכמה גופא איז דאך דא כמה דרגות איז די העכערע דרגות זיינען באין ערוך צו די נידעריקע דרגות, וואס דאס אלץ איז נאר די דרגא פון חיצוניות עתיק, און דערנאך קומט די דרגא פון פנימיות עתיק וואס דאס איז נאך העכער פון די אלע ענינים, און ביז אין פנימיות עתיק גופא איז דא כמה דרגות דרגא לפנים מדרגא, וואס די העכערע ווערט גערעכנט פאר פנימיות און די נידעריקע פאר חיצוניות, ועד"ז אין דעם אדם גופא איז וואס מער ער לעבט א דורך א שפעטערדיקע זמן קומט צו אלץ מערער ענינים ובמילא זיינען די פריערדיקע זמנים חיצוניות לגבי איצטער, ביז מען קאן אפי' זאגן אז לפי ערך היינט זיינען זיי פאררעכנט ווי היפך החיות.

ביז ווי מען זעט דאס בנוגע צו ר' זירא צי רבי זירא אדער רב זירא, וואס עס שטייט אויף אים אז איידער ער איז געגאנגען לערנען תלמוד ירושלמי, צם מאה תעניות, כדי לישכח תלמוד בבלי, וואס ניט קוקענדיק אויף דעם וואס ביז יעמאלט איז ער געזעצן און האט געלערנט תלמוד בבלי בתכלית השלימות ווי ר' זירא לערנט עס און באופן של תכלית הביטול, וואס דאס איז מרומז אין זיין נאמען זירא, זאגט מען אבער אז לגבי דעם העכערן דרגא וואס ער האט געוואלט דערגרייכען איז די פריערדיקע דרגא האט גאר געשטערט און עס האט געדארפט זיין דער צם מאה תעניות כדי לישכח דער גאנצער לערנען וואס ער האט געלערנט ביז איצטער, וואס דא זעט מען אלץ דעם נקודה ווי לגבי דעם העכערן דרגא ווערט דער נידעריקער דרגא פאררעכנט באין ערוך.

עד"ז בנוגע לעניננו וואס מען זאגט ניט קוקענדיק אויף די אלע עילויים ווי עס איז געווען ביז משיח, ועד"ז בנוגע צו זיין עבודה פון חודש אלול ביז ח"י אלול, זאגט מען אבער בשעת עס קומט די העכערע דרגא פון פנימיות עתיק איז יעמאלט וועט זיך אויפטאן א נייעם ענין וואס האט קיין ערך ניט צו פריער, ועד"ז בח"י אלול קומט צו יעמאלט די העכערע דרגא אז ער ווערט איין מציאות מיט די עבודות פון אלול, ע"ד ווי דעם ענין פון "יהודה ועוד לקרא" אז ער ווערט אינגאנצען בטל.

פון יעדער ענין דארף מען ארויסנעמען די הוראה בנוגע להבכן בפועל, עד"ז בנוגע דעם ענין דארף מען גלייך איצטער ארויסנעמען די בכן פון דעם וואס מילא מיט יארן צוריק אז עס האט זיך געהאלטען א לאנגע צייט ביז משיח וועט קומען האט מען געהאט צייט אויף זיך ערשט מתבונן זיין א משך זמן און ערשט אויף מארגן ארויסנעמען דעם בכן בנוגע לפועל, משא"כ אבער היינט וואס מען האלט זייער נאענט צו משית הנה זה עומד אחר כתלינו, במילא איז איצטער ניטא די צייט אויף מתבונן זיין אין קיין ענין ניט, נאר מען דארף גלייך ארויסנעמען די בכן בנוגע לפועל.

און דער בכן פון דעם אלעם, ניט קוקענדיק אויף דעם וואס ביז איצטער איז געווען די עבודה פון חודש אלול, זאגט מען אבער אז איצטער דארף מען ארייננברייננגען דארטן א חיות, ד.ה. אז די אלע ענינים וואס ער האט געטאן ביז איצטער דארף ער ווערן איין מציאות מיט די עבודה, ובמילא איז יעמאלט גייט אראפ די אלע הגבלות.

ע"ד בנוגע צו די מצוה פון צדקה, וואס ביז איצטער איז עס אלץ געווען במדידה והגבלה, ד.ה. בשעת מען איז געקומען נעמען פון אים צדקה האט ער געזאגט אז היות ער איז דאך פלוני בן פלוני קאן ער נאר געבען אזא און אזא סכום, אבער בשעת מען טוט אויף דער ענין פון ח"י אלול אז ער מיט די מצוה ווערט איין מציאות ער ווערט אויס מציאות לעצמו, איז יעמאלט ניט שייך בכלל זאגן קיין הגבלות, ווארום בשעת ער גיט צדקה איז יעמאלט זיין גאנצע מציאות גיט צדקה איז בשעת זיין גאנצע מציאות גיט צדקה איז ניט שייך קיין הגבלות ניט ווארום ער איז געווארן אינגאנצען איין מציאות מיט צדקה, ועד"ז איז בנוגע צו די אנדערע צוויי קווין וואס מען טוט בחודש אלול.

לכאו' קומט אויס אז דאס איז אן עבודה נעלית ביותר איז ווי קאן מען דאס מאנען פון יעדער איינער, אויף דעם זאגט מען אז ביום זה איז דער יום הולדת פונעם בעש"ט און אלטען רבי'ן, און דער בעש"ט האט אונז באוויזן די עבודה וואס מען דארף טאן, און דער אלטער רבי האט אונז באוויזען ווי מען זאל עס טאן, ביז פועל'ן דאס אפי' אויפן נה"ב ע"י חב"ד שלו, במילא איז פון זיי האט מען די כח אויף דורך פירען די עבודות בפועל.

און ביז דאס אלץ ווערט נמשך למטה אין א פועל, ע"ד ווי מען זאגט בנוגע צו תורה אז די תורה וואס איז למע' פון אצילות ווערט נמשך ביז דא למטה, וואס עס איז ניט דער פי' אז עס איז צוויי מציאות'ן פון תורה, נאר דאס איז די זעלבע תורה ווי עס איז למעלה ווערט עס נמשך ביז למטה מטה, מן הקצה אל הקצה. און דאס ווערט איין מציאות מיט אים.

און דאס אלץ פועל'ט אז זיין עבודה זאל אים דורך נעמען אינגאנצען ביז ער ווערט אויס מציאות לעצמו, במילא טוט ער דאס אן הגבלות, און וויבאלד ער טוט לעצמו זיין עבודה העכער פון הגבלות, פועל'ט דאס דערנאך אויך בנוגע צו בני חיי ומזוני אז דאס ווערט נמשך אלץ באופן של רויחי, ובפרט בחודש אלול וואס יעמאלט איז דא דער מלך נמצא בשדה במילא קאן מען אלץ אויסבעטען ביי אים, און גיט גלייך דעם כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה און דאס אלץ ווי דער נשמה שטילט איבעם גוף למטה מעשרה טפחים.

ב. בהמשך להאמור לעיל, איז דא זעט מען א שייכות פון דעם צום סדרה וואס מען האט היינט געלייענט, וואס דאס איז פרשת תבא, וואס אין דעם פרשה איז דאך דא כמה ענינים, ווארום עס איז עלמות אין מספר, במילא דארף מען זיך קערן צום שם הסדרה, ווארום דער שם הסדרה טראגט אין זיך דעם תוכן פון דעם סדרה, במילא איז יעדער ענין וואס רעדט זיך אין דעם סדרה ווערט עס אלץ מרומז אין דעם נאמען פונעם סדרה, וואס דאס איז אויך בנוגע די אלע ענינים וואס זיינען מרומז אין דעם סדרה סיי פון תושב"כ און סיי פון תושבע"פ, און ביז ווי עס ברייננגט זיך אז יעדער ענין האט אין זיך פרד"ס חלקי התורה, און דאס אלץ איז מרומז אין דעם שם הסדרה, וואס דער שם הסדרה איז תבא.



הנחה פרטית בלתי מוגה

בנוגע דער נאמען פונעם סדרה, איז דאך דא כמה אופנים ווי מען קאן דאס מפרש זיין, ווארום עס איז דא ווי די תורה געפינט זיך באצי' און דערנאך ווי זי איז יורד ומתלבש אין בי"ע, וואס עס איז ניט דער פי' אז דאס זיינען צוויי באזונדערע תורות, נאר דאס איז אלץ איין תורה סיי דער תורה ווי עס איז למע' אין אצי' און סיי ווי דאס קומט דערנאך אראפ אין בי"ע נאר דער חילוק איז אין וויפיל לבושים איז עס אנגעטאן, עד"ז בשעת מען זאגט אז די תורה ווערט פאנאנדערגעטיילט אויף פרד"ס חלקים, מיינט דאס ניט צו זאגן אז די תורה איז פאנאנדערגעטיילט אויף אזויפיל חלקים נאר דאס איז אלץ איין תורה, און איינע האט א שייכות צו דער צווייטע (ווי עס ברייגנט זיך אראפ פון דער אריז"ל?), במילא איז בשעת עס איז דא דער תופס במקצתו איז דורך דעם האט מען מיט דעם דער גאנצע תורה, עד"ז בנוגע דעם ענין פון תבא, בשעת מען וועט נעמען איינע פון די פי' פון די חלקי התורה איז אין דעם וועט מען שוין האבן אויך די אנדערע פי'.

וואס ווי עס איז בפשטות דער אפטייטש תבא, אריינגיין, וואס אט דער ענין פון אריינגיין קאן זיין אויף כמה אופנים, עס קאן זיין פשוט בגשמיות בשעת מען גייט פון איין ארט צו א צווייטן ארט הייסט עס תבא, דערנאך איז דא ווי עס איז ברוחניות הענינים אז ער גייט אריין אין א מקום און ווערט איין זאך מיט איר, ווארום ער איז אריינגעגאנגען דארטן אינגאנצען.

און דאס איז די הוראה וואס מען נעמט ארויס פון דער נאמען פונעם סדרה תבא, אז מען דארף טאן אין דער אופן ווי מען דארף טאן די עבודה אז ער דארף דארטן אריינגיין אינגאנצען מיט אלע זיינע ענינים, וואס דאס איז ניט ע"ד ווי דער פריערדיקען סדרה פ' תצא, וואס דארטן איז דער ענין פון ארויסגיין פון זיין פריערדיקן מצב, נאר דא רעדט מען שוין די צווייטע דרגא פון תבא אז דער אופן ווי ער דארף אריינגיין אין זיין ענין אז עס דארף זיין תבא אינגאנצען, וואס בכללות איז דאס די צוויי קווים אין עבודה סור מרע און דערנאך עשה טוב, אדער מ"ע און מל"ת.

און דא זאגט מען אים, אז ער דארף טאן זיינע ענינים באופן של תבא אריינגיין דארטן אינגאנצען, ד.ה. ניט נאר עס זאל זיין בגשמיות דער ענין פון אריינגיין פון איין ארט צו א צווייטן ארט, אדער אפי' ברוחניות דער ענין פון תבא, אבער דארטן בלייבט ער נאך אלץ אין זיין מציאות, נאר מען מאנט פון אים אז דער תבא זאל זיין באופן אז ער ווערט אויס מציאות פאר זיך, און ביז ער ווערט איין מציאות מיטן מצוה וואס ער טוט, ע"ד ווי מען האט גערעדט פריער דער ענין פון פנימיות אז ער ווערט אויס מציאות לעצמו און זיין גאנצע מציאות ווערט די מצוה.

דערביי זעט מען די הוראה, ווען קאן זיין דער ענין פון תבא, דאס איז דוקא לאחר וואס עס איז געווען דער "וירשתה וישבת בה", דוקא יעמאלט קאן זיין דער תבא, הגם אין פסוק שטייט דער תבא פאר די צוויי ענינים אבער די צוויי ענינים זיינען תנאים אין דעם תבא, אז ווען קאן זיין דער תבא באופן הראוי דאס איז דוקא לאחר וואס עס איז דא דער "וירשתה וישבת בה".

וואס מיט דעם איז פארשטאנדיק א פלא, וואס עס שטייט אז ווען האבן די אידן געקאנט מקריב זיין די ביכורים דאס איז געווען נאך פערצין יאר ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין א"י, ווארום עס איז געווען דער ז' שכבשו און ז' שחלקו, וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק פארוואס האט יעדער איינער געדארפט ווארטן לעצמו לאחר וואס ער האט שוין באקומען זיין חלק דעם משך זמן פון י"ד שנה, עס איז דאך ידוע ווי עס ברייגנט זיך אין תנ"ך אז דער י"ד שנה איז ניט געווען פאר יעדער איינער, עס זיינען געווען פון די וואס האבן שוין געהאט זייער חלק פארוואס האבן זיי ניט געקאנט ברייגגען זייערע ביכורים.

און דא איז ארויסגעקומען אז ניט נאר דער וואס האט ניט געבראכט זייערע ביכורים האט מען זיי ניט אנגערופען בשם כפוי טובה, נאר אפי' אט דער וואס האט

יא געוואלט ברײנגען ביכורים, ער האט געוואלט אפדאנקען דעם אויבערשטן אויף דעם וואס דער אויבערשטער האט אים געשענקט זײן חלק, האט ער ניט געקאנט ברײנגען קײן ביכורים, נאר דוקא לאחר וואס אלע וועלען באקומען זײער חלק אט יעמאלט האבן זײ געקאנט ברײנגען ביכורים.

וואס דא זעט מען אלץ די נקודה ווי דער תבא דארף זײן אינגאנצען ארײנגײן דוקא לאחר וואס אלע זײנען ארײנגעגאנגען אין א"י, ועד"ז איז דאס נוגע צו יעדער יחיד זײן אײגענעם תבא, ארײנגײן אינגאנצען, ד.ה. מען זאגט אים אן אז עס דארף זײן דער תבא ניט נאר בנוגע צו זײנע עניני רשות אז דאס זאל ניט תופס מקום זײן בײ אים, נאר אפי' אויך זײנע ענינים רוחניים דארפן ווערן אויס מציאות.

און דאס האט מען געפונען בײם רשב"י, וואס ער האט געזאגט אויף זיך אנא סימנא בעלמא, אז ער איז געווען אויס מציאות לעצמו אינגאנצען, וואס דעריבער האט מען געזען אז ער האט געקאנט זאגן אויף זיך אם שנים הם איז דאס אני ואליעזר בני, און ביז "אם אחד הוא" איז דאס ער אלײן ווארום צדיק יסוד עולם, דלכאו' ווי האט ער געקאנט זאגן אויף זיך אזא ענין פארן רבים, מילא בשעת ער טראכט דאס פאר זיך איז ער ווײסט דעם אמת, ווײסט ווי דאס אויסטײטשען לעצמו, אבער ווי האט ער דאס געקאנט זאגן צום רבים, נאר דער ביאור אין דעם איז, ווארום רשב"י האט געהאלטען בײ אזא דרגא, אז ער איז ניט געווען קײן מציאות, און דער וועלט איז ניט געווען קײן מציאות, אלץ איז בטול צו אלקות, ער מיט אלקות איז נאר אײן זאך "מאן פני האדון הוי' דא רשב"י", אדער ווי ער ברײנגט אין ירושלמי (ביכורים פ"ב) בנוגע צ ר' אבוה.

עד"ז מאנט מען דאס בײ יעדער אידן אז עס דארף זײן דער תבא, ארײנגײן אינגאנצען און ווערן אויס מציאות לעצמו, ואע"פ אז "מיהו זה ואיזהו" אשר ערב לבו לגשת אפי' שמץ מנהו צו אזא סארט עבודה, ביז אפי' בזמנו פונעם רשב"י האט דאך ר"ע געזאגט דײך מה שאני ובוראך מכירים את כוחך, וואס דאס איז געווען בזמן פון תנאים וכו', במילא איז ווי קאן מען דאס מאנען פון יעדער אײנער, אויף דעם זאגט מען אז אעפ"כ וויבאלד דאס האט אונז דערצײלט די תורה, אז עס דארף זײן דער תבא, איז יעדער דבור פון דער תורה איז דאך ניט קײן דברים בטלים, במילא איז זיכער אז זײ זײנען פועלים פעולתן, אז ס'זאל טאקע אזוי זײן בפועל בנוגע צו יעדער אידן.

הגם דער רשב"י איז געווען בעצם העכער פון יעדער איד, ווארום ער איז געווען פון די רועי ישראל, זאגט מען אעפ"כ אז עס זײנען דא בײ יעדער אײנער זײן דרגא ווי ער שטײט ווי א רועה ישראל, וואס דאס איז ע"ד ווי מען רעדט דער ענין פון בכל מאדך, אז עס קאן זײן אז לגבי אים איז עס בכל מאדך, ואעפ"כ לגבי אײנער וואס איז העכער פון אים איז דאס גאר בײ אים די דרגא פון מיעוט שכל, זאגט מען אבער וויבאלד לגבי זײן דרגא הײסט דאס בײ אים בכל מאדך איז עס בכל מאדך, עד"ז בשעת מען מאנט פון א אידן אז עס זאל זײן דער תבא ארויסגײן פון זײן מציאות און ארײנגײן אינגאנצען אין זײן עבודה, איז הגם לגבי א העכערן איז דאס ניט קײן בטול המציאות, פונדעסטוועגען וויבאלד לגבי אים הײסט תבא איז דאס א ענין פון תבא, ועד"ז אין דעם ענין פון מאד ווי איז שײך בײ אים אזא דרגא, דאס איז בעיקר וויבאלד ער איז אויס מציאות לעצמו דעריבער קאן ער האלטן אפי' בײ בכל מאדך.

און ביז לאחר וואס ער האלט בײ דער דרגא ברײנגט ער בכורים, און דער אופן ווי ער ברײנגט די בכורים איז עס בשמחה דוקא, און ער טוט דאס ניט באופן סתמי נאר ער ברײנגט פון די מובחר דוקא, ביז אז פון זײן שמחה ווערט דער ונשמחתי און דער ושימחתי, ביז ער פועל'ט אז תשנה לשנה הבאה, אז ער איז ממשיך אריכות ימים ושנים טובות ביז אויך אין זײנע ענינים פון תומ"צ אז ער טוט דאס אלץ באופן של בטול אז ער איז ניט קײן מציאות לעצמו, און ביז דאס וועט דערנאך צופירן צו די גאולה פון לע"ל, וואס יעמאלט וועט מען ניט דארפן די ז' שנים

שכבשו וואָרום עס וועט אראפגיין אלע העלמות והסתרים, און דאס אלץ קאָן ער גלייך איצטער אויפטאָן וואָרום תשובה טוט אויף בשעתא חדא וברגעא חדא, אז עס זאל זיין דער בעתה אחישנה.

און דאס אלץ קאָן מען אויפטאָן בחודש אלול, וואָרום יעמאָלט איז דער מלך נמצא בשדה, און איז מראה פנים שוחקות לכולם, וואס דער דיוק איז ניט סתם מראה פנים שוחקות למע' נאר דאס איז לכולם צו אלע אידן ווי זיי זיינען למטה, און ביז דורך דעם טוט מען אויף אז תשנה לשנה הבאה מיט א כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה.